הילף פון אַ מעצענאַט, אַ קאָמעדיע־טעאַטער א/ג „שלום־עליכם", טרעט זי דאָרט אויף אַלס „גאָלדע" אין שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער". די פאָרשטעלונג נעמט ניט אויס און נאָך דריי וואָכן שליסט זיך דאָס טעאַטער. צוזאַמען מיט עטלעכע אָנטיילנעמער גרינדער זי אַ טעאַטער־סטודיע אויפן נאָמען פון „שלום־עליכם" מיטן רעזשיסער א. דיקי, וועלכער פירט אויף „פורים אין קאַסרילעווקע" לויט ש׳ע (ווו זי שפּילט צוויי ראָלן: „נחמה די שוואַרצע" און די „בעל בריתניצע").

פ. איז געווען פאַרנומען מיט דער אַרבעט פון דער סטודיע פון פרי ביז נאַכט, געשטאַנען אויף דער וואַך ס׳זאָלן ניט זיין קיין בונטן ס׳זאָל חלילה ניט צעפאַלן ווערן איר איינציקע האָפענונג, אָבער די סטודיע איז פאָרט צעפאַלן, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין מלוכה־שטיצע און אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג אין יענע באַדינגונגען האָט ניט געקאָנט עקזיסטירן.

פ. נעמט אַרויסטרעטן סאָלאָ אין פּאָליטעכניקום מוזיי מיט אײנסצענירונגען, וואָס זי מאַכט אַליין, און פאָרט דערנאָך אַרום מיט דעם רעפּערטואַר איבער ווייסרוסלאַנד. סוף 1924 ווערט זי פאַרבעטן פון דער קיעווער קאָמיסיע „קינדערהילף" צו געבן עטלעכע מיניאַטור־אָוונטן, וועלכע גייען דורך מיט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. דערויף באַקומט זי אַן איינלאַדונג פון קיעווער קולט פּראָפ. פאַריין צו אָרגאַניזירן אַ טעאַטער לויטן מוסטער פון אירע אָוונטן. דאָס טעאַטער א/ג „בעזקער" אונטער דער רעזשי פון סטריקאָווסקי, אָנהייבנדיק שפּילן יאַנואַר 1925 אין קיעוו אין קלוב „קאָמפּאָן", דערנאָך איבער פּראָווינץ, ווו ס׳צעפאַלט זיך נאָך 6 חדשים, צוליב מאַנגל אין רעפּערטואַר. פ. נעמט זיך ווידער אַרומפאָרן אַלס לידערזינגערין איבער ווייסרוסלאַנד, דערנאָך איבער די גרעסערע שטעט פון רוסלאַנד.

**ד.ר א. מוקדוני שרייבט:**

„דאָרט, אין לאָדזש, האָט זיך באַוויזן (1912) אַ שוישפּילערין, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אויף אונדזערע הענט, ד. ה., אין דער דראַמאַטישער סעקציע פון (וואַרשעווער) „הזמיר", און דאָס איז געווען פר. פּיביך. זי איז געווען יונג און נעט און האָט געגעבן, ווי מען זאָגט, גוטע האָפענונגען. לויט די ידיעות, וואָס איך האָב וועגן איר, איז זי געוואָרן אַ גאַנץ פּאָפּולערע יידישע אַרטיסטין, און פון דעם בעסערן מין. זי איז אין רוסלאַנד".

**ש. שנייפּאַל שרייבט:**

„אין קיעוו האָט פונקציאָנירט (1924) אַ באַוועגלעכער טעאַטער פאַר הומאָר און סאַטירע (ליטעראַרישער לייטער — ש. שנייפּאַל), ווו אַן אָנפירנדיקע אַקטעריסע איז געווען די ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענע העכסט־טאַלענטירטע אַרטיסטין סאַראַ פּיביך".

**אין איר טאָגבוך „אין פייער און פלאַמען" שרייבט די שוישפּילערין שושנה (30 נאָוועמבער 1939):**

„היינט איז געקומען צו פאָרן (אין ביאַליסטאָק) פון רוסלאַנד די אַרטיסטין סאַראַ פּיביך מיט אַ רוסישער טרופּע. זי האָט אַמאָל געשפּילט אין וואַרשע. די אַקטיאָרן אונדזערע קענען זי. איך האָב נאָר געהערט וועגן איר. מיר האָבן פון איר אָפּגענומען אַ סך גרוסן פון חברים און זיך זייער געפרייט מיט איר".

**דער טעאַטראַל יהושע פּייל שרייבט:**

„די לעצטע 15 יאָר איז זי אַרויסגעטראָטן אַלס זינגערין אויף קאָנצערטן מיט יידישע לידער, זי האָט געהאַט גרויס דערפאָלג, נאָר ליידער איז זי צו פרי געשטאָרבן, אין 1947".



פ. האָט איבערזעצט „האַמלעט" פון שעקספּיר, „יאָהאַנעס פּייער" פון זודערמאַן, די אָפּערעטע „באָקאַטשאָ", „מאַדאַם איקס" „האַרבסט פידלען" און „קוליסן".

**אין 1947 איז פ. געשטאָרבן.**

ש. ע. פון דר. א. מוקדוני, ש. שנייפּאַל, שושנה, יהושע פּייל.

## ערנסט, שמעון

[געב. 28 יולי 1898 — געשטב. 5 סעפּט. 1967]

געבוירן 28 יולי 1898 אין קראָקע, גאַליציע, אין אַ משפּחה, וואָס ציט איר יחוס פון חתם סופר און פון רבי ר׳ נפתלי ראָפּשיצער. אין 1912 זיך באַזעצט מיט די עלטערן אין ארץ־ישראל. געלערנט אין ישיבות, באַקומען היתר הוראה. זיך גענומען צו השכלה, אַריין אין לערער־סעמינאַר פון דייטש־יידישן הילפס־פאַריין „עזרה". אין 1918 אָנגעקומען אַלס ביבליאָטעקאַר אין דער תל־אביבער שטאָט־ביבליאָטעק „שערי ציון" און זינט 1932 גענומען זיך דרוקן אין דער העברעישער און דערנאָך אין דער יידישער פּרעסע ממש איבער דער גאַנצער וועלט.

אין „אַרכיוו פאַר געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע" (רעד. דר. יעקב שאַצקי) האָט ע. אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע שטודיע „טעקסטן און קוואַלן צו דער געשיכטע פון טעאַטער, פאַרווילונגען און מאַסקאַראַדן ביי יידן" און אויך קלענערע אַרבעטן: „מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל" „דער ערשטער פּרווו פון יידישן טעאַטער אין ארץ־ישראל" און „צו דער געשיכטע פון דער יידישער פאָרשטעלונג פון דעם לעגיאָן אין פּאַלעסטינע".

ש. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרבעטן אין אַ ריי ענציקלאָפּעדיעס אין העברעיש און דייטש און אין בוך־פאָרם אַרויסגעגעבן די ביכער „ספר האשה" (תל אביב, 1931), „מאוצר הבדיחה" (דאָרט, 1933), „סופרי ישראל בסנדלים" (דאָרט, 1934) „ספר יעבץ" (דאָרט, 1934) און „ספר היובל של י״ש אדלר (תש״ז).

**דעם 5 סעפּטעמבער 1967 איז ש. געשטאָרבן אין תל אביב.**

**יעקב רמון שרייבט: [אין אונדזער איבערזעצונג]:**

„שמעון ערנסט איז געווען אַ פּראָכטבאַרער שרייבער. ער האָט מיט זיין פּעדער אַרומגענומען אַ סך ליטעראַרישע געביטן. ער האָט זיך ניט געקאָנט באַגרענעצן אויף איין ליטעראַרישן געביט אַליין, ווייל זיין ברייט וויסן האָט פאַרלאַנגט עקספּאַנסיע. עס איז ניטאָ קיין געביט אויף וועלכן ער זאָל ניט זיין געווען טעטיק: פּאָעזיע, דערציילונגען, עסייען, וויסנשאַפט אָדער טעאַטער. ער האָט וועגן אַלץ געשריבן אין זיינע פיל אַרטיקלען וועגן שרייבער און ביכער און טעאַטער־פאָרשטעלונגען. דער עיקר האָט ער זיך אָבער אויסגעצייכנט אויפן געביט פון דער חסידישער ליטעראַטור. דאָ איז ער געשוואומען ווי אַ פיש אין וואַסער. ער האָט מיט גרויס טאַלענט געשריבן וועגן די גרויסע שאַפער פון חסידות. זיינע אַרטיקלען האָבן געוויזן, אַז ער האָט אַ טיפע קענטשאַפט אין דער ליטעראַטור פון די גרויסע חסידות־פּערזענלעכקייטן.

... ער האָט ניט זוכה געווען, אַז מען זאָל צונויפקלייבן און צונויפנעמען זיינע שריפטן וועגן ליטעראַטור און חסידות, אָבער דערפאַר זיינען דערשינען איניקע פון זיינע ביכער וועגן הומאָר און סאַטירע, וועגן פרויען, אָבער ניט געקוקט אויף דאָס טאַלענטפולע צונויפנעמען פון די אַלע זאַכן, איז אין די דאָזיקע ווערק ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן דאָס אמתע געשטאַלט פון ערנסטן און מ׳האָט אין זיי ניט אויסגענוצט זיינע געבענטשטע פעיקייטן, ווי

עס וואָלט זיך אַנטפּלעקט זיין גייסטיק געשטאַלט ווען ער וואָלט אונדז געגעבן און מיר וואָלטן זוכה געווען צו האָבן זיינע פּרעכטיקע פאָרש־אַרטיקלען וועגן חסירות אין אַ בוך אָדער ביכער.

...מיר דוכט זיך, אַז כדי צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון דעם העכסט טאַלענטירטן שרייבער שמעון ערנסט, וואָלט די פירערשאַפט פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק „שערי ציון" געדאַרפט זען, און עס ליגט אויף איר ווי אַ הייליקע פליכט, אַרויסצוגעבן דעם בעסטן טייל פון זיינע צעשפּרייטע ווערק אין אַ בוך, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן ווערן און זיינע ווערק זאָלן בלייבן עקזיסטירן געזאַמלט און צונויפגענומען".

**זלמן זילבערצווייג שרייבט:**

„דער „אַרכיוו" עפנט זיך מיט אַ גרעסערע אַרבעט פון ש. ערנסט: „טעקסטן און קוואַלן צו דער געשיכטע פון טעאַטער, פאַרווייַלונגען און מאַסקאַראַדן ביי ייִדן".

אַ דירעקטן שייכות מיט דער געשיכטע פון אונדזער היינטיק יידיש טעאַטער האָבן אייגנטלעך נאָר געציילטע פּאַראַגראַפן פון דער דאָזיקער, אין עצם מיזאַמע אַרבעט; די שטעלן וועגן די איסורים צו באַזוכן טעאַטער א. ד. ג.

די טעקסטן פון די איסורים גיבן אונדז די מעגלעכקייט צו באַגרייפן די סיבה פאַרוואָס די יידישע אָרטאָדאָקסיע און סתם פרומע יידן האָבן אַזוי קרום געקוקט אויפן יידישן טעאַטער און דערפירט אַפילו צו רדיפות און מסירות קעגן אים (זע קיעווער „טעאַטער־בוך").

עס איז אויך קלאָר, אַז ווען די יידישע פרום־געשטימטע אינטעליגענץ וואָלט ניט געהאַט קיין נעגאַטיווע באַציונג צום יידישן טעאַטער און עס ניט איבערגעלאָזט אינגאַנצן אויפן באַראַט פון פּראָסטן, אומקולטיווירטן המון, וואָלט דער ניוואָ פון יידישן טעאַטער געווען גאָר אַן אַנדערער.

דעריבער איז וויכטיק צו וויסן אויך וואָס האָט די יידישע אָרטאָדאָקסיע (דער ווירקלעכער רוב מנין ובנין פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער צייט ווען דאָס יידישע טעאַטער איז אויפגעקומען) געבויט איר קעגנערשאַפט צום יידישן טעאַטער, און ווען מען באַקענט זיך מיט די טעקסטן פון די איסורים, ווערט קלאָר, אַז טעאַטער בכלל איז דורך די יידישע רעליגיעזע פאָרשטייער געהאַלטן געוואָרן אַלס אַן אַנטי־רעליגיעזע אינסטיטוציע און דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז פרומע יידן מוזן דערפון וויַיכן.

ווען עס ווערט אַלזאָ געבראַכט אַזאַ זאַמלונג פון די איסורים, דאַרף זי זיין וואָס קאָנצענטרירטער און קאָמפּאַקטער. עס וואָלט דעריבער געווען ראַטזאַמער ווען די קאָלעקציע וואָלט געווען אַנדערש סאָרטירט ד. ה. איסורים צוזאַמען און סתם מיינונגען אָדער שילדערונגען וועגן טעאַטער באַזונדער. אויך איז אַ באַטייטנדער פעלער, וואָס דער רעדאַקטאָר האָט באַוווסטזיניק אויסגעשלאָסן פון דער דאָזיקער קאָלעקציע די טעקסטן פון די קוואַלן, וועלכע עס האָבן שוין פריער פאַרעפנטלעכט ב. גאָרין און ד"ר שיפּער אין זייערע געשיכטעס פון יידישן טעאַטער, און טאַקע ער, י. שאַצקי, אַליין, אין זיין קריטיק איבער ד"ר שיפּערס ווערק.

גראַד אין יענע זאַמלונגען קומען די דאָזיקע איסורים אַרויס אַ סך דייטלעכער און קלאָרער.

וואָרום וואָס איז פאַר אונדז וויכטיקער און צוועקמעסיקער: דער אָסור פון „לא תעשה לך כל פסל ומסכה" אָדער „לא ילבוש גבר שמלת אשה" אָדער דער מוסטער 1 פון ש. ערנסטס זאַמלונג, וואָס דערציילט עפּעס אַ מעשה וועגן אַ רוימישן יום־טוב איין מאָל אין זיבעציק יאָר?

אָדער וואָס אינטערעסירט אונדז, אַ שטייגער, דער פּונקט 4 פון דער דאָזיקער זאַמלונג, אַז די רוימישע רעגירונג פאַראַרעמט דאָס פאָלק מיט 4 זאַכן: דורך צינז, בעדער, טעאַטערס און שטייערן?.

וואָס פאַרע שייכות האָט דאָס צו יידיש טעאַטער?

אַזעלכע מוסטערן זיינען פאַראַן זייער פיל אין ערנסטס אַרבעט, וועלכע איז אים זיכער ניט לייכט אָנגעקומען, אָבער איז ניט צוועקמעסיק געמאַכט.

און צו וואָס די טאָפּלטע ווידערהאָלונג פון טעקסט 5 און 12?

ערנסטן געהערט אויך די יידישע איבערזעצונג פון די טעקסטן, וועלכע איז באמת זייער גוט געמאַכט. מען דאַרף דעריבער אויף זיין חשבון שטעלן די פראַגע ווי קומט עס וואָס אין טעקסט 2 טייטשט ער דאָס וואָרט „בתחבולות" (לצנים) און אין טעקסט 11 לאָזט ער שוין דאָס וואָרט „ובתחבולות" אָן טייטש און שרייבט אויך אין יידיש „תחבולות". אין טעקסט 45 ערלויבט זיך ערנסט נאָך מער: אין העברעאיש שטייט „והם מיני שחוק ומיני תחבולות", זעצט ער איבער: „ווו מען שטעלט קאָמעדיעס (מיני שחוק) און טראַגעדיעס (מיני תחבולות)". דאָ האָט ער פשוט נישט איבערזעצט, נאָר אַריינגעטייטשט, אַרויסשטעלנדיק דעם קעגנזאַץ צום וואָרט „שחוק", אָננעמענדיק עס אַלס קאָמעדיע. באמת אָבער איז לאָגיש איבערצוזעצן דאָס וואָרט „שחוק" — שפּאַס און „תחבולות" — קונצן, טריקס, איינפאַלן. ענלעכעס טוט ער אין טעקסט 5 מיטן וואָרט „מומסין", וואָס ער טייטשט דאָ „מומיעס" און אין טעקסט 12 טייטשט ער עס שוין „אַקטיאָרן".

אַזאַ פרייע אויסטייטשונג אונטערגראָבט דעם גאַנצן יסוד פון די טעקסטן.

אין טעקסט 59 זעצט ערנסט איבער דאָס וואָרט „לידי תועבות" — „צו מיאוסע זאַכן . . ." די פינטעלעך און דער וווּלגאַרער אויסדרוק זיינען צו בולט און עס וואָלט פיל פּאַסיקער געווען צו באַנוצן דאָס אַלט־יידישע וואָרט „אומווירדיגקייטן".

אין טעקסט 37 זעצט ערנסט איבער דאָס וואָרט „כנור" מיטן וואָרט „האַרפע". אין טעקסט 47 זעצט ערנסט איבער דאָס וואָרט „נבל" אויך מיטן וואָרט „האַרפע". באמת איז פאַראַן אַ געוויסער אונטערשייד צווישןביידע אינסטרומענטן. (זע י. קיהנס בוך „המוסיקה בכתבי הקדש, בתלמוד ובקבלה", וינה. תר"ץ). זיכער זיינען דאָרט אויך פאַראַן פיל קוועלן־אָנווייזונגען וועגן זעלבן ענין, וואָס ערנסט בארירט אין טעאַטער־בוך.

בנוגע די דאָקומענטן צום טעקסט 81 וועגן דער פראַגע פון דער באַציונג פון די רביים צו בדחנים, וויל איך אָנווייזן אויף דעם וואָס דעם בדחן בונים טשיזשיק, (געבוירן בערך 1827, געשט. בערך 1901) פלעגט מען, ביז צו זיין אפיקורסות, נעמען אויף יעדער רבנישע חתונה. סענדער בדחן (אליהו־אלכסנדר פידעלמאַן, געב. (?) 1825 — געשט. 11 מערץ 1892) איז געווען אַ הויף־לץ ביים לובאַוויטשער רבי, דאָס זעלבע אויך פסח אלי" בדחן (פּסעוודאָנים „פידעלע")."

**אויספירלעך וועגן בדחנים, וועלכע זיינען אויך געווען פאַרבונדן מיט יידיש טעאַטער זע אין „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער".**

(זז. 144־132)

ש. ע.

ש. ע. פון זלמן זילבערצווייג

**„לעקסיקאָן פון דער נייע יידישער ליטעראַטור", ניו יאָרק, זיבעטער באַנד 1968, זז. 52־51.**